זאגט דער רמב"ם, וואס איז די נאך-ברכה פון שהכל? איז חוץ פון מברך זיין שהכל, מברך זיין לאחריו **בורא נפשות רבות וחסרונן על כל מה שבראת**. ער זאגט, דער אייבערשטער האט באשאפן מענטשן און ער האט אויך באשאפן זייערע תאוות, אזוויי אונז זאגן "וחסרונן", אדער נפשות אליין מיינט רצונות. און דער אייבערשטער האט באשאפן די אלע זאכן אנצופילן די אלע רצונות, **להחיות בהם נפש כל חי**.

#### שאלה: פארוואס "להחיות בהם נפש כל חי"?

אקעי, איך דארף צו טראכטן. פארוואס פונקט דאס זאגט מען "להחיות בהם נפש כל חי"? ווייס איך נישט. כאילו, אלע טעונים ברכה לאחריהם. יעדע זאך אויב מען עסט א שיעור דארף מען א ברכה לאחריהם, טעונים ברכה לפניהם. דאס איז פשוט. איך ווייס שוין וואס דער ליין זאגט. און וואס איז מחדש "להוסיף מה"? אפילו נכלי מים? וואס איז א זאך וואס אונז ווייסן אז ס'דארף א ברכה לפניהם און ס'דארף א ברכה לאחריהם?

#### נוסח-חילוק: רמב"ם און אונזער מנהג

און מ'דארף אויך טראכטן וועגן די נוסח הברכה. איך זע, דא ברענגט דער רמב"ם די נוסח הברכה, און ער האט דא נישט וואו קיין חתימה. אונז זאגן "ברוך חי העולמים". דו זעסט? אונז זאגן אנדערש. דער רמב"ם זאגט "חי העולמים", ביי אונז זאגן מיר "ברוך", אונז מאכן א שטיקל חתימה. אן קיין שם, אבער אונז מאכן א חתימה. דאס איז עפעס וואס מ'דארף פארשטיין. אקעי.

#### הלכה ט': שמרים — וואסער אויף ווייך-זאץ

שמרים, סעיף ט'. זאגט דער רמב"ם אזוי, יא. **שמרים שנתן עליהם מים**. א מענטש האט שמרים, ער האט זאץ פון ווייך אדער פון וואטעוועך מאסט וואס ער האט געמאכט, און ער וויל נאך ארויסנעמען די ביסל ווייך וואס איז איינגעזאפט צווישן די שמרים, זאגט ער, גיסט ער ארויף וואסער.

#### דין יין מזוג — פראפארציע פון ווייך

סאו, אויב ס'איז טאקע דא אסאך ווייך אין די שמרים, גייט ארויסקומען מער וויפיל ער האט אריינגעגאסן. סאו, **נתן עליהם שלשה**, ער גיסט אריין דריי קאפס וואסער, און אונטן, נאכדעם וואס ער קוועטשט עס אויס אין דאס, איז דא פיר. איז פשט אז פון ווי דער פערטע קאס אדער די פערטע רביעית איז דער ווייך וואס איז געווען צווישן די שמרים. ממילא איז דאס געהעריגע ווייך, ווייל דו ווייסט אז אזא יין מזוג וואס האט א דריטל ווייך איז **מברך עליו בורא פרי הגפן, שזה יין מזוג**, דאס טייטשט יין מזוג, און יא.

**אבל הוציא פחות מהרבה**, אויב ער האט געגאסן וואסער אויף שמרים און ס'איז ארויסגעקומען טאקע מער וויפיל ער האט אריינגעגאסן, סאטש אז ס'איז טאקע געווען אביסל ווייך צווישן די שמרים, אבער ס'איז ארויסגעקומען פחות מהבוסס, נישטא קיין גאנצע רביעית פון ווייך אקעגן די דריי וואסער. **אפילו יש בו טעם יין**, אפילו ס'האט א טעם פון ווייך, **מברך עליו תחילה שהכל**, מאכט מען א ברכה שהכל. מ'גייט נישט נאך די טעם, נאר מ'גייט אז ס'איז טאקע ווייך.

#### דיסקוסיע: צו מ'קען לערנען פון דא צו אנדערע משקאות

#### שאלה: גרעיפ דזשוס מיט סעלצער

## Speaker 1:

ברכת פירות האילן בורא פרי האדמה. וואס איז אן אינטערעסאנטע הלכה, למשל, מ'קען שנעל מאכן פון דא א חשבון, למשל, אויב איינער טרינקט גרעיפ דזשוס מיט סעלצער אדער וואס, אזא סארט זאך, וועט מען מאכן א ברכה שהכל ווילאנג די רוב איז די סעלצער? אדער ס'איז אן אנדערע מין הלכה, ווייל דארטן גיסט מען אריין א פארטיגע משקה, און ער זאגט אז די סעלצער איז אין ארדער צו געבן א געז, צו געבן א באבל. איך ווייס נישט, איך טראכט נאר.

אבער אויב א מענטש מישט וואסער מיט ארענדזש דזשוס אדער מיט עני אנדערע... אקעי, ארענדזש דזשוס איז שהכל. אויב די הלכה איז אזוי ווי... אויב די הלכה דא, דא רעדט ער נישט ממש אין די הלכה, דא איז די שאלה צו ס'הייסט יין. די שאלה פון מזוג, פון וויאזוי מזוג ארבעט.

## Speaker 2:

יא, אמת, אבער אויב מ'וועסט אננעמען, אזוי איז די פשטות'דיגע הלכה, ס'איז דא אפשר אנדערע וועגן צו טראכטן, אבער די פשטות'דיגע הלכה, אויב גרעיפ דזשוס הייסט יין... מ'דארף וויסן אויף גרעיפ דזשוס, זיי מיינען דאך נישט מיט מזוג.

## Speaker 1:

ניין, מ'דארף וויסן, ס'איז נישט אזוי... די גרעיפ דזשוס מאכערס זאגן אז ס'איז גרעיפ דזשוס, אבער מ'דארף וויסן צו מ'קען זיי גלייבן, ווייל זיי שפילן זיך ארום דערמיט.

#### דיגרעסיע: די אמעריקאנער גרעיפ דזשוס אינדוסטריע

איך האב געהערט אז ס'איז נישט אזוי סימפל וויאזוי מ'מאכט עס געהעריג. אז די עיקר איז די אמעריקאנער גרעיפ דזשוס, ס'איז עפעס ארומגעשפילט.

## Speaker 2:

זייער גוט, ער קען מיט דעם בלעקמעילן.

## Speaker 1:

ניין, דער עולם זאגט אז די שטאנדארט האט געהייסן אז רבי אפרים שלמה'ס הונדערט פראצענט גרעיפ דזשוס איז טעקניקלי הונדערט פראצענט, מיט עפעס א שטיקל תורה האט ער.

#### חזרה צו די שאלה: דין מזוג ביי גרעיפ דזשוס

עכברים דארפן מדייק זיין, אויב ס'האט א דין יין איז טאקע זייער גוט. אויב ס'האט א דין יין, איז דעמאלטס ביז דריי פערטל גרעיפ דזשוס. אויב האט ער שוין געגוצט די היתר אז נאר איינער קען עס נוצן.

אזוי זאגט מען אפשר א דזשאוק, ס'איז געקומען איינער צו דער רב, דער בריטישער רב, צו איינער האט געזאגט אז ער קען אריינגיסן וואסער. זאגט ער, "אבער איך מיין נישט גרעיפ, איך מיין מאסט, וואטעווער, איך האב יעצט מאסט, איך וויל מאכן ווייך, איך האב נישט קיין ווייך, איך מאך מאסט." אה, אמת, דעמאלטס איז לכאורה אמת, ביז דריי פערטל וואסער.

#### שאלה: צו מ'גייט נאך טעם ביי אנדערע משקאות

אבער איך, אה, איך מיין יא, עס קען זיין אז ס'זענען דא אנדערע מיני הלכות. די שאלה דא איז וואס האט א נאמען יין. אבער ווען א מענטש מישט סתם צוויי מינים, ס'איז אן עקסטערע הלכה, ווען א מענטש מישט סתם צוויי מינים, צו מ'גייט נאך די טעם. אויב איינער מישט וואסער מיט מאסט, די מאסט איז מער דאמינענט, ער גייט פילן ווי ער טרינקט מאסט, נישט ווי ער טרינקט וואסער וואס האט נישט קיין טעם.

## Speaker 2:

אבער סך הכל, דאס איז דאך די הלכה פון יין מזוג. דאס איז דאך געהעריג די הלכה פון יין מזוג, פון די היתר פון יין מזוג. יין מזוג איז טייטש, איך וויל נישט טרינקן אזא שטארקע ווײן, איך וויל עס מאכן שוואכער, לייג איך אריין וואסער. איז דא א געוויסע רעישא וואס הייסט נאך ווײן, און א געוויסע רעישא...

דו זאגסט אז מ'קען נישט לערנען פון דא, ווייל דא רעדט זיך אז ס'איז קוים ווײן, ס'איז נאר די שמרים, און נאכדעם איז עס נאך אלץ ווײן.

## Speaker 1:

איך זאג, ער נעמט עפעס ווײן, איך האב א פוינט.

די שאלה וועגן מישן גרעיפ דזשוס מיט סעלצער, לכאורה וועט מען נישט קענען ארויסלערנען פון דא, אזוי ווי דו זאגסט, ווייל דא איז א דין פון וואס הייסט יין מזוג. אבער אנדערע מאל איז דא א שאלה פון וואס איז די עיקר פון די משקה, אפשר גייט מען נאך די טעם. ווען א מענטש מישט סתם צוויי משקאות, ס'איז אן עקסטערע שאלה, באמת איז דא א פאל ווי שמואל און רב, ווייל אלע אנדערע משקאות איז עניוועי שהכל.

**שאלה: אויב איינער מאכט בורא פרי העץ אויף ארענדזש דזשוס**

אבער לאמיר זאגן, אויב איינער מאכט א בורא פרי העץ אויף אן ארענדזש דזשוס, ווייל מ'פלאנצט עס פאר אן ארענדזש, וואטעווער, קיינער מאכט נישט, און ער מישט עס מיט וואסער, איך זאג, אויב איינער פסק'נט אזוי, און ער מישט עס מיט וואסער, וועט מען אויך זאגן אז מ'וועט גיין מיט די זעלבע רעישא, אז יעדע משקה איז דא א זאך ווי מוזג? צו וועט מען זאגן אז מ'גייט נאך די טעם?

## Speaker 2:

יין האט דא א דין אז ס'איז דא א וועג ווי מענטשן טרינקען ווײן, און נאר וועגן דעם קען מען מאכן א בורא פרי הגפן. עקזעקטלי, דו זעסט אז נישט, ס'גייט נישט בכלל אזוי, די טעם טוישט נישט.

## Speaker 1:

אזוי זעט אויס, דו רעדסט פון אזא זאך פון עיקר וטפל. אבער איך ווייס נישט, פארוואס זאל מען נישט זאגן?

## Speaker 2:

דו פרעגסט א שאלה. פארוואס זאל איינער נישט זאגן, פארוואס טרינקט ער בכלל די וואסער? לאמיך אויספירן א סענטענס. פארוואס טרינקט ער בכלל די וואסער? וואס, ס'איז דאך דא אין דעם יין, איז דאך געגוג די וואסער, די שמרים איז דאך די עיקר, און דאס איז דאך א טפל.

**תירוץ: יין איז א דבר חשוב**

## Speaker 1:

דער תירוץ איז לכאורה אויף דעם, עפעס א גוטע קשיא. דער תירוץ וואס מ'קען טראכטן אויף דעם איז אז יין איז פאר א דבר חשוב, דאס איז נישט קיין דבר חשוב. א וואסער מיט טעם יין, ער מאכט נישט נעמען קיין גפן. דעמאלט איז די הלכות אנדערש. א גפן איז א ברכה חשובה, דאס איז נישט די חשיבות. דער רמב"ם זאגט דאך דאס **אפילו ס'איז דא אין דעם טעם יין**, לאפוקי דאס וואס דו זאגסט. אז נארמאלערהייט וואלט מען זיך געגאנגען נאך טעם.

דאס הייסט, פריער האבן מיר געלערנט אז וואס טייטשט עיקר און טפל? דער טעם וואס דו האסט מער ליב. פארוואס עסט ער די הערינג און נישט די אייער קיכל? ווייל ער האט ליב די הערינג, ווייל דאס איז גוט פאר אים. סאו דער מענטש זוכט זיך דא צו טרינקען ווײן. איך קען טראכטן אז ס'איז פינף מאל די זעלבע פאל.

## Speaker 2:

ס'איז בכלל אנדערש, מ'גייט נישט נאך די טעם פון די הערינג, מ'גייט נאך דעם וואס דו ווילסט עסן. ס'איז א גאנצע אנדערע זאך. אבער וואס טרינקט דער מענטש דא? כאילו ער גייט טרינקען די שמרים, ס'איז נישט בעצם ווי אן אנדערע וואסער, בעצם איז דאס א חשוב'ע משקה.

## Speaker 1:

ס'איז נישט! ס'איז א שיינע משקה, ס'איז וואסער בטעם יין, אבער ס'איז נישט קיין יין.

**מסקנא: דאס איז אפשר א דין מיוחד ביי בורא פרי הגפן**

## Speaker 2:

ניין, איך זאג ס'קען זיין וועגן דעם איז די הלכה נאר ביי בורא פרי הגפן. מיין שאלה איז, לאמיר זאגן, לאמיר זאגן אז ס'איז דא אן אופן פון צוזאמשטעלן א בורא פרי העץ, א ליקוויד בורא פרי העץ. יא, אויב איז דא אזא זאך ווי א ליקוויד בורא פרי העץ, אויב מ'פלאנצט עס פאר דעם?

## Speaker 1:

בפשטות, אין ריאליטי איז נישט דא, אבער טעארעטיקלי וואלט איך געקענט זאגן. טעארעטיקלי וואלט איך געזאגט אז דעמאלט זענען די כללים אינגאנצן אנדערש, מ'גייט מען אינגאנצן נאך טעם, ווייל בורא פרי העץ האט מען נישט מתקן געווען א ברכה מיוחדת חשובה אזויווי בורא פרי הגפן איז שונה למעליותא. דא איז פשט, ס'איז שוין נישט די חשוב'ע זאך וואס הייסט יין. ס'איז דא א חשוב'ע זאך וואס הייסט יין, וואס דאס האט בורא פרי הגפן, דאס האט שוין נישט די לעוועל פון חשיבות. סאו אנדערע מאל דארט אפשר גייט מען יא נאך טעם. מ'דארף וויסן, איך זאג פון דא, ס'קען זיין דאס איז א הלכה מיוחדת ביים רמב"ם. מ'דארף אפשר נאך קוקן אין די גמרא ווייטער.

**מעבר צו הלכה י': שינוי בברכות**

## Speaker 1:

שוין. יעצט גייען מיר לערנען וואס איז בערך וואס פארדעם האט ער געמאכט די קאפל. דא ביסטו געזעצליך פון יעצט און ווייטער, די נעקסטע פאר וואכן דא גייט זיך יעדער מענטש זיך דארפן אויפפירן דא כדת וכדין, אזוי ווי ס'דארף צו זיין, אנדערש נישט גערעכט, נישט ריכטיג געמאכט די ברכה, וזה ההלכה.

די ערשטע הלכה איז אזוי: **ברוך אתה ה' אלוקינו מלך העולם בורא פרי האדמה**, דו פרעגסט מיך ס'איז דאך פרי העץ, אום סאקן ווען בורא פרי העץ, וואס טוט זיך דא? דו האסט געמאכט א...

**הלכה י': טעות אין ברכות — די כללים פון כלל און פרט**

## Speaker 1:

סא אנדערע מאל דארף מען, אפשר גייט מען יא נאך טעם. מ'דארף וויסן, איך זאג פון דא, ס'קען זיין אז דאס איז אן הלכה מיוחדת ביבנה, מ'דארף אפשר נאכקוקן אין די גמרא ווייטער. שוין.

יעצט גייען מיר לערנען, בערך פאר דעם האט ער געמאכט די קאפל, דא ביז יעצט, פון יעצט און ווייטער, די נעקסטע באנטש הלכות, ס'רעדט זיך אז איינער האט זיך אפגעטוישט, ער האט געמאכט א טעות, ער האט נישט די ריכטיגע ברכה געמאכט, וואס איז די הלכה.

די ערשטע הלכה איז אזוי: **ברך על פירות האילן בורא פרי האדמה, לכאורה איז געווען משמע אז אויף פירות האילן דארף מען זאגן בורא פרי העץ. וואס טוט זיך אז איינער האט געמאכט בורא פרי האדמה אויף פירות האילן? יצא, האט ער יוצא געווען. אויב איינער האט אבער געזאגט אויף פירות הארץ, דאס וואס מיר רופן וועדזשטעבלס, זאכן וואס וואקסן אויף די ערד, בורא פרי העץ, האט ער נישט יוצא געווען.** לאמיר ענדיגן די סימן און מיר וועלן מסביר זיין. **אבל הכל, סיי וואס ער האט געגעסן, אויב ער האט געמאכט שהכל נהיה בדברו, יצא, האט ער יוצא געווען, אפילו על הפת ועל היין, אפילו אויב ער האט געמאכט אויף ברויט אנשטאט המוציא, אדער אויף ווײן אנשטאט בורא פרי הגפן, האט ער געזאגט שהכל נהיה בדברו, שהכל איז אלעס מוציא.**

**הסבר: די לעוועלס פון חשיבות אין ברכות**

סא לאמיר מסביר זיין. מיר האבן געשמועסט אז ס'איז דא אזוויוי לעוועלס פון חשיבות. בורא פרי האדמה איז כלליות'דיג אויף אלעס וואס די ערד געט ארויס. איז לכאורה וואלט מען מיט דעם יוצא געווען אויך אויף אלע מיני פירות. נאר חז"ל האבן צוגעלייגט א ברכה אויף פירות הארץ, אויף פירות האילן, אפשר ווייל ס'איז חשוב'ער, ווי רבי יצחק האט געזאגט אז ס'איז א געוואלדיגע זאך, דו פלאנצסט איין מאל, פלאנצן א פירות בוים איז אסאך מער, ס'איז נישט ווי פלאנצן יעדע יאר, סא אפשר קומט א ברכה מיוחדת. חז"ל האבן געמאכט בורא פרי העץ. סא בורא פרי העץ איז אבער נאר עפעס וואס וואקסט אויף אן עץ.

סא אויב איינער האט געמאכט בורא פרי האדמה אנשטאט בורא פרי העץ, האט ער ווייטער געדאנקט דעם אייבערשטן, ער האט נאר נישט געזאגט די חשיבות וואס ס'וואלט ווען געדארפט זאגן, האט ער יוצא געווען. אבער אויב איינער האט געזאגט אויף פירות הארץ, אויף וועדזשטעבלס, האט ער געזאגט בורא פרי העץ, האט ער נישט יוצא געווען, ווייל ער האט געזאגט א זאך וואס איז נישט אמת, ס'איז נישט פרי העץ, ס'קומט נישט די ברכה בכלל.

**שהכל איז יוצא אויף אלעס**

און שהכל איז מען יוצא אויף אלעס, שהכל איז א ברכה כלליות'דיג. די זעלבע זאך, שהכל. אלעס איז דאך שהכל נהיה בדברו. די לאדזשיק איז בעיסיקלי, ווייל נישט א פרט אין די כלל... אויף מיין עס? איז נישט יוצא דעם תקנה, ווייל עס דאך דא א הלכה האבן, מען דארף זאגן אנדערש. די ווארט איז אבער אז די לשון כללי גייט אויך אויף די פרט, אבער די לשון פרוטי גייט נישט אויף די כלל. איז אזא מעשיב לכל המחנות.

## Speaker 2:

ניין איך טראכט צו עס ווייל די תקנות חכמים, צו די עיקר איז די ווארט. די פירוש המילות ווייל שהכל דברים מיינט טאקע אלעס. מיין שהכל א רבי ענט זאגט בורא פרי העץ, האט עס געזאגט ליגנט אויף א וועדזשטעבל. ס'איז א פשוט די נושן אז דאס איז די לעוועל פון די תקנות חכמים. איך קיין שוין די ווארט ליגנט.

**חידוש: ברכה איז חלות שם שמים אויף דער זאך**

## Speaker 1:

א ברכה איז אזא חלאט. א ברכה איז אז אויף דעם האבן געמאכט די ברכה. דער שהכל דברים איז בעצם חלף אלעס, נאר חוץ פון דעם דארפן מאכן עס איז דא א ספעשל ברכה אויף זיין. די עיקר איז מיט דאנק די אייבערשטער. נאר מיט דא איינער חז"ל'ן האבן צוגעלייגט א חשיבה'ס. האסט געטאנקט די אייבערשטער אן די חשיבה'ס. א ברכה זעט אז כמעט יעדע הלכה וועט שווערע ווי מען טייטשט אזוי.

א ברכה איז א ביסל מער פון דעם. א ברכה איז טייטש אז מ'ברענגט ארויס די שם שמים אויף די זאך. ס'איז א חלאט, אזוי א קידושה כמעט. ווען מען זאגט ברכת אזבח, שטייט א נשון אויף שם. נישט נאטור נשון. דאס איז א צווייטע זאך. א דריטע זאך. חלאט שם שמים על הדבר. מ'ברענגט ארויס, מ'ברכה'ן שטייט די חסידישע זאלים שטייט ברכה איז משנה משכחה. דאס איז א וועג ווי מען עס ארויסברענגען. אבער די תורה זעט עס אזוי. אבער די תורה זעט עס אזוי. אבער די תורה זעט עס צו לעבן מיין און און ער געזאגט ברך כלל עליין. יא. ס'איז ארויסגעברענגט דאס. יעצט עס איז געווארן א מעמד קדוש, קהילות. אזוי ווי איך האב קלן... כשל ברכה טראכט איך מישט.

חסידישע ספרים ווי שדאייט אז ברכה איז משנה משכחה, ממשיך אויף דעם עליכסט. דאס איז שוין א טייטש א חסידישע טייטש, אבער איך מיין אז די אידיע איז אריגינעל, און די גמרא זעט מען אז אז ס'איז א אידיעס. ס'איז א חלל שוואל, ער ברענגט ארויס השם שמים אויף דער זאך, און דאס ארויסברענגט דארפסט זיך ארויסברענגען אויף דעם זאך. אויף אין כללי איז דא א שכל מיט גארערע אויף אלעס. ס'איז אויך אויך א ספעציעלע זאך וואס הייסט בורא פרי ועידס וכדוים.

אויב מען טרעכט אזוי, פארשטעמט מען אסאך בעסער פון דעם ברכה לבטלו, איז עס א פראהל נישט אזויוו. א ברכה לטלו, אזוי ווי ער האט געמאכט א ברכה לבטלה, ער האט געלייגט שם שמים אויף גארנישט. ס'איז עפעס אזא סארט איידיע. סא, אקעי, דאס איז וואס איך טראכט.

**הלכה יא': טעות אין לשון אבער ריכטיגע כוונה — "כשל בלשונו"**

## Speaker 1:

שוין. ווייטער גייען מיר לערנען אזא אינטערעסאנטע הלכה פון טעות, א געוויסע אופן פון טעות. לאמיר לערנען וואס דער רמב"ם זאגט. **"לוקח כוס של שכר בידו"**, א מענטש האט גענומען א כוס פון ביר. ביר ווייסן מיר שוין אז ס'איז שהכל. פארוואס איז ביר שהכל? פארוואס איז עס נישט מזונות, ווייל ס'איז געמאכט פון גערשטן? האבן מיר פריער געלערנט אז ס'איז פון די זאכן וואס איז אזוי ווי "אופסדא", ס'איז געווארן שוואכער. ס'איז נישט אזוי ווי די גפן וואס איז געווארן בעסער. סא, אמת, מ'קען זאגן אז שכר איז אן אפגרעיד, אבער ס'איז נישט. ס'איז בעסער, אבער ס'איז נישט צורת הפת. צורת הפת וואלט געווען מזונות. ס'איז נישט קיין דבר שמזין. אזוי האבן מיר געזען, יא. די איינציגסטע זאך וואס פארלירט די צורה און באקומט א נייע ברכה איז טאקע בורא פרי הגפן און המוציא, אבער שכר האט נישט באקומען די קאטעגאריע.

**דער רמב"ם'ס קעיס: כוונה ביי שם ומלכות איז דער עיקר**

על כל פנים, ער האט גענומען א כוס פון ביר, און ער האט געוואלט מאכן שהכל. ער האט אנגעהויבן, ער האט געוואוסט אז אין זיין קאפ איז דא ביר, און ער האט אנגעהויבן מאכן א ברכה אויף די ביר. ער האט געזאגט "ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם", אבער אפס, ער האט געמאכט א מיסטעיק אין זיינע ווערטער, **"וטעה ואמר בורא פרי הגפן". זאגט דער רמב"ם, "אין מחזירין אותו"**, מ'מאכט אים נישט איבערמאכן. פארוואס? דער רמב"ם גייט זאגן אין די ענד פארוואס.

זייער גוט. און ער זאגט יעצט דער רמב"ם נאך דוגמאות. די זעלבע זאך איז אויב איינער האט געהאט פירות הארץ וואס מ'דארף מאכן בורא פרי האדמה, אבער בטעות האט ער געזאגט בורא פרי העץ. אדער ער האט געהאט א מין מזונות, א תבשיל של דגן וואס ווייל ס'האט נישט קיין צורת הפת מאכט מען בורא מיני מזונות, אבער טעה, ער האט זיך טועה געווען. ווען ער האט אנגעהויבן זאגן "ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם", האט ער געמיינט אז אלעס איז גוט, ער האט געוואוסט וואס ער האט אין זיין קאפ, אבער צום סוף האט ער געזאגט די ראנג ווארטס.

זאגט דער רמב"ם, **"יצא". פארוואס? "לפי שבשעה שהזכיר שם ומלכות"**, ווען ער האט געזאגט "ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם", וואס דאס איז די עיקר הברכה, **"לא נתכוין אלא לברכה הראויה לאותו המין"**, איז זיין כוונה געווען גוט. ווען ער האט אנגעהויבן מאכן די ברכה, האט ער אין זין געהאט פאר דעם וואס ווען איינער פרעגט אים, "אויף וואס מאכסטו דא א ברכה?", "איך מאך א ברכה אויף ביר, שהכל". **"והוא עיקר הברכה"**. די טעות איז נישט געווען ביי "ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם", נאר ביים סוף איז געווען עפעס א כשל בלשון און ער האט געזאגט "בורא פרי הגפן". איז אפילו ער האט זיך טועה געווען, יצא. זיך טועה געווען, ביים סוף יוצא האט ער יוצא געווען, ווייל ווען ער האט געזאגט "ברוך אתה ה' אלוקינו מלך העולם", איז עס געווען אויף די ריכטיגע ברכה אויף די ריכטיגע מאכל. ממילא מחזירין אותו מאכט אים נישט איבער מאכן.

**מחלוקת רמב"ם און ראב"ד**

און אויף דעם קריגט זיך זייער שטארק דער ראב"ד, און דער ראב"ד פארשטייט נישט די ענין אז ווייל ווען ער זאגט די שם ומלכות ווייסט ער אויף וואס ער מאכט, ער ווייסט אז ער האלט אין זיין האנט שהכל, און ס'איז אונטערשטאנען אז ווען מ'וואלט אים ווען געפרעגט וואלט ער ווען געזאגט יא, שהכל, נאר ער האט זיך טועה געווען. מ'גייט נישט נאך דעם, מ'גייט אין

גאנצן נאך וואס ס'קומט ארויס פון די מויל. סאו דער ראב"ד זאגט אז על פי די הלכה פון רמב"ם וואלט ער יא געזאלט מחזיר אותו זיין. מ'גייט אין גאנצן נאך וואס מ'טרעפט.

#### דער פארקערטער קעיס: טעות אין כוונה

וואס וואלט געווען ווען דער רמב"ם וואלט געזאגט ווען ס'איז פארקערט, ווען ער האט א טעות, ער האלט א כוס של שיכר, און ווען ער האט געזאגט "ברוך אתה ה' אלוקינו מלך העולם" האט ער געמיינט אז ס'איז ווייז, און ביים סוף האט ער געגעבן א קוק ארייז און ער באמערקט אז ס'איז שיכר. וואלט דער רמב"ם געזאגט אז ער איז נישט יוצא געווען אדער יא יוצא געווען? לכאורה איז ער נישט יוצא געווען, ווייל אזוי איז משמע, נאר דעמאלטס קען מען ווייטער זאגן אז מ'גייט לקולא. די גמרא רעדט וועגן די שאלה, און די גאנצע סוגיא איז געבויט אויף א שווערע גמרא, די ראשונים לערנען עס אפ, אבער לערנענדיג די רמב"ם און ראב"ד קען מען פארשטיין די סברא און די ענין בפשטות.

סאו וואלט לכאורה אויסגעקומען פון די סברא אז מ'איז נישט יוצא. אזוי שטייט לכאורה אפשר אין די גמרא, אבער ס'זעט אויס דער רמב"ם פסק'נט עס נישט, און ס'קען זיין די ריזן פארוואס ער פסק'נט עס נישט איז ווייל דא איז עס א ספק, און קען דאך מצד שני, יא, אוודאי דער רמב"ם פארשטייט אויך אז דאס וואס ער האט געזאגט מאכט אויס, ס'האט געפיקסט. און דער רמב"ם גייט זאגן די נעקסטע הלכה, ברכות איז דרבנן, און מיט דרבנן גייט מען להקל. סאו ס'איז א ספק אין די גמרא, פסק'נט נישט דער רמב"ם אז ער דארף איבערזאגן אויב ער האט געוואוסט ער האט געמאכט א טעות אין זיין כוונה אין די ערשטע האלב ברכה.

אפילו אויף דעם איז דער ראב"ד מחולק, דער ראב"ד טענה'ט אז ס'מאכט נישט קיין סענס אז מ'זאל זיך סומך זיין אויף דאס וואס ער האט געטראכט, און דער ראב"ד איז מחולק מסברא, ער זאגט נישט דא אז ס'שטייט אין די גמרא, אוודאי איז עס געבויט אויף ווי ס'זעט אויס אין די גמרא, אבער דער ראב"ד טענה'ט אז ס'קען נישט זיין אז מ'גייט נאך וואס א מענטש האט געטראכט ווען ער זאגט מלך העולם, נאר מ'גייט נאך וואס ער זאגט.

#### דיסקוסיע: ווי אזוי קען אזא טעות פאסירן?

### Speaker 2:

די שאלה איז דאך וואס מיינט מענטשן וואס טראכטן, ווי אזוי קען א מענטש טאקע טראכטן און זאגן שהכל, אז ווען ער איז אנגעקומען...

### Speaker 1:

אבער ס'איז דא אזא זאך, די טעות פון בורא פרי הגפן קען זיין אמאל אזוי ווי מ'וועט זען. אמאל איז עס א טיפא, אמאל איז דער מענטש געווען דיסטרעקטעד, פשוט נישט. דער רמב"ם רעדט פון איינער וואס איז געווען אזוי ווי "כשל בלשונו", ווייל ער האט געזינגען מיט א חבר, ער האט אנגעהויבן זאגן א הבדלה ניגון, און ס'איז אריינגעקומען... ווען ער זאגט ביי רמב"ם, ער האט נישט געוואוסט אז ס'איז דא א שהכל. איך מיין, מ'קען אריינגיין אין דעם...

### Speaker 2:

ניין, ניין, איך פארשטיי. וואס איז געשען? ס'איז דאך... דער רמב"ם רעדט נאר פון א ספליט-אף, וויאזוי זאגט מען? ס'איז א... א טאנג... אלמנות, אלמנות. יא.

### Speaker 1:

דער רמב"ם רעדט פון א מענטש וואס מאכט א טעות, און נישט "כשל בלשונו", ער האט פשוט נישט געפעיט אטענשאן, ער ווייסט אפילו נישט וואס איז דא אין די קאפ.

### Speaker 2:

ניין, דער רמב"ם רעדט נישט פון דעם. דעמאלטס וואלט געווען א טעות. דער רמב"ם זאגט דיר קלאר אז ער ווייסט וואס ער האלט, און ער מאכט אלמנות. ניין. קענסטו עס רופן... אויב איינער למשל ווייסט נישט וועלכע ברכה מ'מאכט אויף ברויט, האט ער א טעות אין הלכה, נישט אויף דעם וואס איז דא די דין. נאר, אדער ס'איז א פארמאכטע באקס און ער ווייסט בכלל נישט וואס ער האלט, דאס איז אן אנדערע זאך.

#### חידוש: ברכה איז חלות שם שמים — דערפאר איז כוונה ביי שם ומלכות דער עיקר

### Speaker 1:

מ'קען פארשטיין, אויב לויט וואס איך האב פריער געזאגט, קענסטו עס גאנץ גוט פארשטיין. אויב די עיקר ברכה איז צו זאגן אויף דעם זאך "השי"ת מלכנו מלך העולם", האסטו עס געזאגט אויף די זאך. די פעולה איז כמעט די עיקר ברכה, די "היה לפניו שעות כל שהן". די לשון איז צו פאסן די לשון צו וואס די ריעליטי איז. זאגט דער רמב"ם, אקעי, ס'איז נישט געפערליך אויב דיך האט זיך אויסגעוויזן אז די לשון איז א טעות.

### Speaker 2:

ווייל דא וואלט מען געזאגט די בוטשאטשער רב, מ'קען מאכן א תנאי. ער האט געזאגט, אייביג ווען איך זאג "ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם", האב איך אין זין אויף די זאך וואס איז אין די ריעליטי, און דאס וואס איז אין די קאסט, אויף דעם האב איך אין זין.

### Speaker 1:

ניין, ניין, איך פארשטיי, מ'קען נישט מאכן אזא תנאי.

### Speaker 2:

איך האב געוואלט אנקומען להלכה למעשה, קען מען מאכן אזא תנאי? ווייל אויב דאס איז די ווארט, אויב אזוי, אויב דאס איז כוונה, קען איך זאגן, איך בין אייביג מכוון אויף וואס די אמת איז.

### Speaker 1:

ניין, מ'קען נישט. דאס איז וואס איך זאג, כוונה איז נישט די טייטש. כוונה איז נישט די טייטש וואס מענטשן מיינען. ס'גייט צוריק צו מיין זאך, אז כוונה איז די טייטש, אזוויי דו האסט פריער געזאגט, אויב דו פרעגסט דיך וואס דו טוסט, זאגסטו אז דאס טוסטו. כוונה איז נישט טייטש וואס איך האב אין מיין קאפ, עפעס א סענטענס אין מיין קאפ, דאס איז נישט די טייטש כוונה.

#### למעשה: די פסק פון די אחרונים

אקעי, למעשה, די משנה ברורה און אזוי די אנדערע אחרונים זאגן זיי פסק'ענען נישט ווי דער רמב"ם דא. ס'קען זיין אז נחלת ספק ברכות להקל, די רבנים, קען זיין אז אויב איינער האט אזא קעיס, ס'איז דא א מחלוקת ראשונים, קען זיין אז למעשה, די אחרונים, קען זיין אז איינער מחזיר'ן, אפילו אז דא האסטו נאך א ספק צו דער רמב"ם איז גערעכט.

### Speaker 2:

ניין, איך זאג אז מ'האט נאך א ספק. און ספק גייט מען לקולא, ספק דרבנן, ספק דרב, און דאס ווייטער. ביידע וועגן קען מען מקיל זיין און נישט איבערזאגן.

#### הלכה יב': ספק אויב מ'האט געמאכט א ברכה

### Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"כל הברכות כולן אם נסתפק לו אם בירך אם לאו בירך"**, ווען א מענטש האט א ספק צו ער האט געמאכט א ברכה אויף ברכות הפירות, אויף ברכות פארן עסן, **אינו חוזר ומברך**. אנדערש ווי ברכת המזון וואס איז א ספק דאורייתא וואס מען דארף יא מאכן.

#### הלכה יב' (המשך): ספק אם בירך — אינו חוזר ומברך

**Speaker 1:** ניין, זאגט ער אז אונז האבן דאך נאך א ספק, בספק גייט מען דאך לקולא, ספק צו דער רמב"ם, ספק צו דער רב, און דאס ווייטער. ביידע וועגן וועט מען קענען מקיל זיין און נישט איבערזאגן.

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"כל הברכות כולן שנסתפק לו בהן אם בירך אם לאו בירך"**, ווען א מענטש האט א ספק צו ער האט געמאכט א ברכה

אויף ברכת הפירות, אויף ברכות פארן עסן, **"אינו חוזר ומברך"**. אנדערש ווי ברכת המזון וואס איז א ספק דאורייתא וואס מ'דארף יא, דא איז דאך א ספק דרבנן. די זעלבע זאך מיט די ברכות מעין שלש אדער בורא נפשות, **"לא בתחלה ולא בסוף"**. די אלע ברכות זענען דאך מדרבנן, און ווי ס'שטייט אין די ספרים איז דאך דער באקאנטער כלל אז ספק דרבנן קען מען מקיל זיין.

**הלכה יג': שכח והכניס אוכל לתוך פיו בלא ברכה**

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"שכח והכניס אוכל לתוך פיו ולא בירך"**, ער האט פארגעסן און ער האט שוין אנגעהויבן עסן אן א ברכה, ער האט שוין אריינגעלייגט עסן אין זיין מויל. **"אם הוא משקה"**, אויב איז דאס טרינקען, מ'קען נישט אויסשפייען טרינקען און נאכאמאל עס ארייננעמען, ס'איז נישט קיין וועג, זאל מען עס אראפשלינגען, **"ומברך בסוף"**, און מ'מאכט נאכדעם די ברכה. ס'הייסט, מ'מאכט שוין נישט שהכל, נאר מ'מאכט א בורא נפשות. דאס זענען אזעלכע זאכן למשל, ס'איז מאדנע, ס'קומט אויס אין די רמב"ם אז מ'מאכט אזוי א ברכה נאכדעם וואס מ'האט געגעסן. ניין, נאכדעם וואס מ'האט געגעסן. אזוי? נאכדעם וואס מ'האט געגעסן? אדער קען זיין "מברך בסוף" מיינט ער מאכט נאר א נאכברכה?

**דיון: וואס מיינט "מברך בסוף"?**

**Speaker 2:** דער רמב"ם זאגט עס נישט אזוי קלאר. ס'קען זיין.

**Speaker 1:** ניין, פשוט איז ער גערעכט. די לשון "מברך בסוף" מיינט אז ער מאכט א ברכה אחרונה, אזוי ווי פריער, "לא בתחלה ולא בסוף". איין מאל א ברכה בתחלה, און איין מאל א ברכה בסוף. אה, ס'קען זיין.

**Speaker 2:** "בסוף" מיינט בסוף שלינגען, בסוף שליגנת האוכל.

**Speaker 1:** יא, ניין, קוק אין די פריערדיגע שורה, "לא בתחלה ולא בסוף" איז די טייטש, נישט ברכה ראשונה און נישט ברכה אחרונה. בסוף איז טייטש איין מאל א ברכה אחרונה. אהא.

סאו ער מאכט א נאכברכה, ער פארפאסט די ברכה. וואס קען מען טון? א ברכה איז נאר פארן עסן, זיי געזונט.

**פירות שאם זורקן ימאסו — מסלקן לצד אחד**

אבער אויב איז דאס פירות **"שאם זורקן ימאסו"**, אויב גייט ער עס אויסשפייען גייט עס ווערן נמאס, קען מען אים נישט מאכן אויסשפייען, **"כגון תאנים וענבים"** וואס ס'איז שוין האלב צוקייט אין זיין מויל, אחר המברך, זאל מען עס לייגן אויף די זייט פון די מויל און מאכן די ברכה, און נאכדעם קען מען עס אראפשלינגען. ווייל געוועגליך מאכט מען די ברכה מיט א פולע מויל, און דער רמ"א זאגט אז דאס איז נישט דער סדר, לייג עס אין די זייט פון די מויל און מאך די ברכה.

פארוואס ביי וואסער קען מען דאס נישט טון? ווייל ביי וואסער קען מען דאס נישט טון. איי מאי טעמא? סכנה, מען קען זיך טשאוקן. יא, מען קען נישט האלטן טרינקען אין די מויל, אין די האלדז, ביי די בית הבליעה נישט פנוי צו מאכן א ברכה, האט דער רמ"א פריער געזאגט.

**אם אינם מיאוסים — פולטו מפיו**

**"אם אינם מיאוסים"**, אויב איז דא זאכן וואס גייט נישט ווערן קיילע, ס'גייט נישט זיין מיאוס, **"כגון פולים ואפונים"**, ברענגט די רמ"א פון די גמרות, זאכן וואס גייט נישט אויסשפייען, ס'גייט נישט זיין מיאוס, ס'זעט נישט אויס מיאוס, רבונא, וואס מ'האט שוין אריינגעלייגט אין מויל ווי ענבים, **"פולטו מפיו עד שיברך"**, אפילו הכי זאל ער עס אויסשפייען. אפשר איז עס הארט, אפשר איז עס א קענדי. זאל ער עס ארויסנעמען פון זיין מויל.

און ס'איז אויך נישט נאר די מיאוס, נאר ווען א מענטש האט יעצט אריינגענומען א טרויב אין זיין מויל, ער האט עס נאכנישט געקייט, ס'איז נישט דווקא די מיאוס. בקיצור, אויב ס'איז מיאוס, און אויב אבער דו קענסט עס אויסשפייען און נאכדעם עס צוריק אריינלייגן אין דיין מויל, דעמאלט פולטו מפיו, זאל ער עס אויסשפייען און מאכן די ברכה ווען ער האט גארנישט אין זיין מויל, און נאכדעם זאל ער עסן. ס'איז נישט לכתחילה, ס'איז נישט קיין לכתחילה צו מאכן די ברכה ווייל מ'האט עפעס אין די מויל. פארוואס? ווייל מ'זאגט נישט די ברכה מיט א פולע מויל, אדער ווייל די ברכה דארף זיין פאר מ'עסט עס, איינע פון די צוויי.

**הלכה יג' (המשך): האוכל מינים הרבה — סדר הברכות**

זאגט די רמ"א, **"האוכל מינים הרבה"**, אויב א מענטש האט אין פראנט פון זיך א טיש מיט פארשידענע עסנס, **"אם הם ברכה אחת שוה"**, אויב ער גייט עסן פארשידענע זאכן, למשל וואס איז א שהכל, **"מברך על אחת מהן"**, מאכט ער איין שהכל **"ופוטר את השאר"**, ער האלט נישט אין איין מאכן נאך פון די זעלבע סארט ברכה. סאו מ'מאכט די ברכה אויף די אלע זאכן אין פראנט פון דיר און מ'איז פטור.

**"ואם הם ברכות שונות"**, אויב אבער ס'איז אנדערע ברכות, איין ברכה פוטר'ט נישט די אנדערע, איין מאכל פוטר'ט נישט די אנדערע, אויסער אזוויי מ'האט פריער געשמועסט בתוך הסעודה, המוציא און אזעלכע זאכן. סאו אויב ס'איז נישט די זעלבע ברכה, מאכט מען אויף יעדער איינס **"די ברכה הראויה לו"**, מ'דארף מאכן אויף יעדער מאכל אן עקסטרע ברכה.

**איזה מין יברך קודם?**

**"ואיזה מין יברך קודם?"** וועלכע מאכט מען קודם? סיידן איינער האט, איך ווייס, אן אדמה מיט א מזונות מיט א שהכל. וואס ער וויל ערשט עסן, אויף דעם זאל ער מאכן קודם די ברכה. דאס הייסט, איך וויל ערשט עסן דאס, מאך איך קודם דאס. סימפל אז דעט.

אבער, **"ואם אינו רוצה בזה יותר מזה"**, דאס איז א זייער מאדנע קעיס, דארף מען געדענקען. מענטשן ווערן זייער ביזי מיט די הלכות, אבער כמעט אלעמאל ווען א מענטש האט צוויי מאכלים און דו פרעגסט אים וועלכע דו ווילסט קודם עסן, האט ער א תירוץ אויף דעם. דעמאלטס איז דער תירוץ, ער זאל עסן וועלכע ער וויל עסן קודם. מאכט זיך אז ער איז א מאדנער מענטש, עס גייט אים נישט אן, ער האט נישט קיין שום אינטערעס צו עסן דעם ענדערש פון יענעם, דעמאלטס איז דא א סדר הלכה.

איך מיין דער מענטש וואס ווייסט נישט וואס "אינו רוצה בזה יותר מזה", ער וויל בעיקר די ברכה. ער איז אזא חסיד שוטה וואס אנשטאט זאגן "לאמיר עסן", זאגט ער "לאמיר מאכן א ברכה". סאו די גאנצע תכלית איז דא די ברכה, ער וויל וויסן וואס... די ברכה איז ביי אים די מער וויכטיגע חלק ווי די עסן.

**שבעת המינים קודמין — כל הקודם בפסוק קודם לברכה**

און אומגעפער די זעלבע איז מיט שבעת המינים. שבעת המינים שנשתבחה בהם ארץ ישראל קומט די ערשטע. לכאורה, ווייל ברכת המזון האט צו טון מיט ברכת הארץ, "ועל הארץ ועל המזון", "וברכת את ה' אלקיך על הארץ הטובה". ממילא זאל מען מאכן דאס וואס האט א קשר מיט ארץ ישראל. ס'איז זייער אינטערעסאנט, אפילו די שבעת המינים וואקסן אין אמעריקע, אבער ס'איז די מין וואס ארץ ישראל האט א שפע מיט. יא, איז דאס די קעיס? אינטערעסאנטע זאך. אבער די חכמים האבן נישט געטוישט די הלכה.

זאגט די רמב"ם, וואס איז אין שבעת המינים, וואס איז די סדר? זאגט די רמב"ם אזוי: **"כל הקודם בפסוק קודם לברכה"**. ווען איינער האט פארשידענע שבעת המינים, וועלכע ברכה מאכט מען קודם? זאגט די רמב"ם, מ'קוקט אין די פסוק, וואס ס'שטייט קודם אין די פסוק איז קודם. **"והשבעה הם המנויין בפסוק זה"**. זאגט ער, פון וועלכע פסוק רעדט מען? די פסוק וואס רעכנט אויס די פירות שנשתבחה בהם ארץ ישראל. ער זאגט די פסוק: **"ארץ חטה ושעורה וגפן ותאנה ורמון, ארץ זית שמן ודבש"**. סאו מ'גייט מיט די סדר, **"ודבש זהו התמרים"**. זאגט ער, טייטשט די רמב"ם שוין ביי די ווער, וואס איז די דבש וואס מ'ענדיגט? מ'מיינט נישט די רעגולער דבש, וואס דבש איז שהכל. דבש מיינט מען ווען מ'עסט תמרים. טאקע אפילו ווען מ'עסט די דבש פון די תמרים האט דער רמב"ם געזאגט אז ס'איז א שהכל. די דבש מיינט די תמרים אליין. ס'איז אינטערעסאנט, ווייל

מ'האט זיך געקענט ארויסלערנען לכאורה פון די פסוק אליין, אדער ס'איז פון די מנינים.

און די זעלבע זאך איז אויך מיט שמן, אבער שמן איז פאר אן אנדערע סיבה, ווייל ס'איז נישט אזוי שטארק ראוי לאכילה. זית שמן. אה, ס'שטייט ביידע. דא ביי דבש שטייט נאר די דבש.

**דער כלל פון "קרוב לארץ" — תמרים קודמין לענבים**

זאגט דער רמב"ם אזוי, אויסער די סדר הפסוק איז זייער אינטערעסאנט, ווייל זיי זענען געווען העפי, אקעי, ס'איז דא א סדר הפסוק. ס'איז נאך דא אין די פסוק נאך קעטעגאריעס. **"תמרים קודמין לענבים"**. לכאורה, פארוואס זאלן תמרים קודם זיין צו ענבים?

**Speaker 2:** אה, אה, אה, גפן איז דאך פריער.

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם, אויסער די סדר הפסוק איז אויך דא עפעס וואס איז נאנט צו דיווארט ארץ. ווען מ'זאגט אויף עפעס, "דאס איז די ארץ וואו ס'וואקסט די און די פרוכט", איז פשט אז די פרוכט איז זייער חשוב. דאס הייסט, "די לאנד פון די עפלעך", איז פשט אז די עפלעך דארטן זענען זייער חשוב. סאו וואס ס'שטייט לעבן די ווארט ארץ, נאכאמאל, וואס איז נאנט צו די ווארט ארץ, איז פשט אז דאס איז א זייער חשוב'ע פרוכט. די פוינט איז אז ס'שטייט צוויי מאל די ווארט ארץ אין דעם פסוק, סאו די צווייטע מאל ברענגט ארויף נאכאמאל די חשיבות פון די דבש און די זית שמן. ווייל גפן שטייט דאך נאך "חטה ושעורה", מה שאין כן תמר שטייט נאר נאך "זית שמן", קומט אויס אז ער איז מער חשוב.

**Speaker 2:** ניין, איך זאג ס'מאכט סענס, ווייל דו טראכסט פון איינער וואס רעדט רעטאריש. איינער זאגט, "ס'איז א שטאט וואו דו האסט די בעסטע זאכן," און ער רעכנט אויס, "דאס איז די עפל שטאט," און נאכדעם זאגט ער, "און דאס איז די טרויבן שטאט." פשט, דו זעסט וואס איז חשוב ביי אים, ווייל דו געסט די נאמען אויף די ארץ אויף די פרוכט.

**Speaker 1:** **"דבש זה תמרים"**. זאגט דער רמב"ם, **"ותמרים קודמין לענבים"**. זיתים זיכער, יא. זאגט ער, אפילו תמרים קודמין לענבים.

**Speaker 2:** האסט יעצט איבערגעזאגט נאכאמאל וואס דו האסט געזאגט.

**Speaker 1:** יא, איך זאג, דער רמב"ם האט נאר אויסגערעכנט תמרים קודמין לענבים, אבער זית איז אויך קודם לענבים, רייט?

**Speaker 2:** יא, דאס איז פשוט.

**דיון: צי זית איז קודם צו שעורה?**

**Speaker 1:** זית איז אויך קודם לשעורה לכאורה. דאס וואלט געווען עניוועיס אזוי. אויך פאר שעורה, ווייל ס'איז די נאנטסטע צו ארץ איז די חשוב'סטע, רייט? ניין, נישט פאר... נישט חטה, אבער שעורה, פאר שעורה לכאורה. זית זאל געדארפט גיין פאר שעורה.

**Speaker 2:** ניין, איך בין נישט מסכים.

**Speaker 1:** פארוואס?

**Speaker 2:** פארוואס? יא. וואס האסטו זיך אפגעשטעלט פונקט פאר א גפן?

**Speaker 1:** די רמב"ם זאגט דאך דבש, דבש איז קאמפערט צו גפן.

**Speaker 2:** נאכאמאל, חיטין ושעורים איז דאך המוציא אדער מזונות.

**Speaker 1:** אקעי, דאס איז אן אנדערע סארט מין. די גאנצע שאלה איז נאר ביי די... און גפן איז דאך א גפן. די גאנצע שאלה איז נאר צווישן די... ער זאגט דאך נישט איינעם מיט די חתם סופר'ס. און דעמאלטס בכלל, ווען מ'מאכט א המוציא מאכט מען נישט נאך ברכות געווענליך.

**Speaker 2:** נאכאמאל, אפשר איז דא דא ברלי, האסטו דא שעורה, וואס דו מאכסט אויף דעם א בורא מיני מזונות, און ס'איז דא זית. ביסטו זיכער אז מ'מאכט קודם שעורה? איך ווייס נישט.

**Speaker 1:** יא, יא, ס'איז זיכער.

**Speaker 2:** פארוואס? ס'איז נישט געשטאנען ערגעץ אז מ'מאכט א בורא מיני מזונות פאר אנדערע זאכן? אלס די ברכת בורא מיני מזונות?

**Speaker 1:** איז גארנישט קיין חילוק יעצט. די גאנצע סיבה פארוואס דאס איז קודם, איז מער ווייניגער געשטאנען אין רמב"ם אז געווענליך ווען מ'מאכט מזונות מאכט מען נישט אנדערע ברכות. און איך ווייס אז די חתם סופר האט נישט גע'פסק'נט די הלכה, אבער ס'איז געשטאנען מער ווייניגער אין רמב"ם אז געווענליך ווען ס'איז דא מזונות איז די אנדערע זאכן א טפל. אויף מזונות איז דאס געשטאנען אין רמב"ם.

**Speaker 2:** אבער נישט אין דעם פאל, נישט ווען ס'איז דא א טיש מינים הרבה און דו ווילסט א ביסל פון דעם, א ביסל פון דעם.

**Speaker 1:** ניין, ניין, ס'איז יא געשטאנען. מ'איז מסתפק דעריבער אין די תבשיל, אז ס'איז געשטאנען דארט. קיינער עסט נישט קיין בארלי קערלעך, נאר מ'עסט עס מיט א תבשיל, איז דאס דאך די מאכל. חיטין ושעורים איז דאך א טעלער פון סיריעל. ווען האסטו געזען די לעצטע מאל אז מ'גייט צו א טעלער פון שעורים? סיריעל! איך ווייס נישט וואס, ס'פעלט זאכן וואס זענען בורא מיני מזונות וואס מ'מאכט נישט אויף דעם בורא פרי האדמה.

**Speaker 2:** יא, ניין, ס'פעלט יא, איך האלט אז ס'פעלט.

**Speaker 1:** עני סיריעל, עני גריס, די אלע זאכן, ס'איז דא א טעלער דארטן. ווער זאגט אז דו זאלסט דעם מאכן? מ'רעדט דאך פון א פשטות, מ'רעדט דאך פון א גרויסן שמארגעסבארד.

על כל פנים, על כל פנים, וועסט קוקן די פוסקים. מען עסט אויסטערעפן אלע מיני תורות. אבער איך זאג דיך נאר, א פשוט'ע וועג פון ליינען די רמב"ם. מען דארף איינמאל טרייען צו דעיס צו טון.

**ברכה אחת מעין שלש**

אקעי. יעצט גייט די רמב"ם זאגן, ס'איז א ברכה מעין שלש, ווי די רמב"ם האט...

**הלכה יד: נוסח ברכה מעין שלש אויף פירות און יין**

אזוי איז די פשטות, פון דעם רעדט דער רמב"ם וועגן תמרים וענבים, ער זאגט נישט אז מ'דרייט אויס די גאנצע פסוק. פארקערט, דא ווילסטו קוקן אין די פוסקים, וועסטו אויסטרעפן אלע מיני תירוצים, אבער איך זאג דיר נאר א פשוט'ע וועג פון ליינען דעם רמב"ם, מ'דארף אמאל צוריקגיין צו דעם.

יעצט גייט דער רמב"ם זאגן, ס'איז דא א ברכה מעין שלוש וואס דער רמב"ם האט געזאגט אויף בורא מיני מזונות, ער האט נאך אויסגערעכנט אויף פירות און יין. ער ה��ט נאך נישט געזאגט וויאזוי מ'זאגט דאס, די נוסח הברכה. זאגט ער, **ברכה אחת שהיא מעין שלוש** וואס מ'מאכט אויף **חמשת מיני הפירות ושל יין**, אויב מ'עסט א שיעור פירות און יין. פינף מינים? וועלכע פינף מינים? אה, די פינף פון די שבעת המינים וואס זענען א בורא פרי העץ. **ושל יין היא** איז די זעלבע סארט ברכה **של מיני הדגן**, די ברכה וואס דער רמב"ם האט שוין פריער געזאגט די ברכת מעין שלוש, דאס וואס אונז רופן על המחיה.

**אבל על הפירות הוא אומר**, דער אנפאנג איז אנדערש, ער זאגט **"על העץ ועל פרי העץ"**, דאס הייסט, מ'מאכט א ברכה אויף די בוים און אויף די פירות וואס די בוים גיבט ארויס, **"ועל תנובת השדה"**, וואס דער פעלד איז מניב, וואס דער פעלד פראדוסט, **"ועל ארץ חמדה טובה"**, דאס איז שוין ווייטער שוין די סדר וואס דער רמב"ם האט שוין פריער געמענשאנט ביי על המחיה. **ועל היין** הייבט מען אן מיט **"על הגפן ועל פרי הגפן ועל תנובת השדה ועל ארץ חמדה", וחותם בשתים "על הארץ ועל הפירות"**. מ'זאגט נישט, מ'ענדיגט נישט "על הארץ ועל פרי הגפן", נאר "על הפירות". דאס הייסט, אונזער נוסח איז יא אן עקסטערע ענדיגונג אויף פאר "על הארץ ועל הגפן ועל פרי הגפן" אויף די ענד. זעסטו וואס איז דער רמ"א'ס שיטה? רבותי, מיר לערנען יעצט אונזער רמב"ם.

זאגט דער רמב"ם, **ואם היה בארץ ישראל**, אויב איז ער אין ארץ ישראל, זאגט ער נישט "על הארץ והפירות", נאר ער זאגט **"על הארץ ועל פירותיה"**, אויף די פירות פון ארץ ישראל.

**צולייגן "הטוב והמטיב" אין מעין שלש**

זאגט דער רמב"ם, **ויש מי שמוסיף בברכה שהיא מעין שלוש קודם חתימה** נאך אפאר ווערטער, **"כי אתה אל טוב ומטיב", אין ברכה רביעית**, און די ברכה מעין שלש מענטשנט מען די עסן, וואס דאס איז א שטיקל הזן, און נאכדעם מענטשנט מען ארץ און ירושלים. זאגט דער רמב"ם אז **ויש מי שמוסיף**, ווער איז געווען, איך ווייס נישט צו ס'איז געווען א משנה אין טבריה, איך ווייס נישט וואס, אבער ס'איז געווען א מנהג פון צולייגן צו די ברכה מעין שלש אז ס'זאל זיין א ברכה מעין רביעית, ס'זאל האבן אלעס, ס'זאל זיין א מיני ברכת המזון, לייגט מען צו "כי אל טוב ומטיב אתה" וכו', **שהיא כעין ברכה רביעית**. אבער **ויש מי שאומר שלא יאמר "האל טוב ומטיב אתה", שלא תיקנו ברכה רביעית אלא בברכת המזון בלבד**, די תקנת חכמים פון צולייגן א ברכה רביעית איז נאר דוקא ביי ברכת המזון און נישט ביי מעין שלש. דער רמב"ם זאגט נישט וואס מ'זאל טון, ער זאגט דאס איז איינער פון די מפרשי הרמב"ם זאגט נישט וואס צו טון, ער זאגט נאר צוויי נוסחאות, און לכאורה קען מען טון וואס מ'וויל.

**הלכה טו: צוזאמלייגן מעין שלש ווען מ'האט געגעסן מערערע מינים**

אקעי. זאגט דער רמב"ם, וואס טוט זיך אויב איינער האט געהאט צוויי סארטן זאכן אדער דריי סארטן זאכן וואס קומט אין די זעלבע ברכה מעין שלש? וואס זענען די קדימות? ער האט געטרונקען וויין, ער האט געגעסן תמרים, טייטלען, און ער האט געגעסן א בורא מיני מזונות פון א תבשיל פון חמשת מיני דגן. מאכט ער לויט די סדר, ער הייבט אן מיט **"על המחיה ועל הכלכלה"** – אה, מיט דעם זעט מען אז דאס איז גערעכנט מדבר שהוא עיקר, וואס עיקר איז חשוב'ער – **"על הגפן ועל פרי הגפן", "ועל העץ ועל פרי העץ"**, און נאכדעם גייט מען צו **"ועל תנובת השדה ועל ארץ חמדה טובה ורחבה"** וכו'. און אויך ביי די ענדע זאגט מען **"על הארץ ועל המחיה ועל הפירות"**.

פארוואס האט ער געזאגט אז ער רעדט פון די סדר? ער רעדט אויך אז מ'קען צוזאמענלייגן. אפשר איז עס פשוט? ער זאגט אז מ'לייגט צוזאמען די אלע אויף איין... ס'איז נאר אינטערעסאנט, ווייל למשל אין ברכת המזון, די עיקר ברכת המזון, איז נישט אזא זאך, מ'זאגט אויף יעדער מין. ברכת המזון איז אויף מזון, אויף בורא פרי האדמה, בורא פרי העץ, ס'קומט בעצם עקסטערע ברכות אויף יעדער, נאר מ'ליגט עס אלעס צוזאמען אין איין גרויסע ברכה. ס'איז נישט פשט אז איינס ווערט פטור איינס פון די צווייטע, ס'איז עקסטערע ברכות וואס איז במקום חשוב לעצמה. יא.

**דיסקוסיע: "פירותיה" אין ארץ ישראל ביי צוזאמגעלייגטע ברכה**

ס'איז אינטערעסאנט, איך טראכט, ווען מ'מאכט אזא סארט אין מיני ארץ ישראל, זייער שווער צו זאגן נאך על המחיה. זאגסט על הארץ ועל פירותיה, שטימט. על הארץ ועל המחיה ועל פירותיה, איז זייער א שווערע לשון.

**Speaker 2:** דער רמב"ם ברענגט בכלל די הלכה פון פירותיה?

יא, ביי מועד אין ארץ ישראל זאגט מען על הארץ ועל פירותיה. און וואס איז די פראבלעם דא? איך זאג, ווען ס'איז על הארץ ועל המחיה ופירותיה, איז דאס זייער שווער. ער זאגט על הארץ ועל פירותיה ועל המחיה, וואלט געשטימט. על הארץ ועל המחיה ופירותיה איז א שווערע לשון.

**Speaker 2:** וואס איז די פראבלעם? וואס איז די שווערע לשון?

ווייל די על המחיה האקט אפ צווישן די ארץ און פירותיה. פירותיה פון די מחיה? וואס איז דאס? ס'איז נישט פירותיה פון די מחיה, ס'איז פון די ארץ.

**Speaker 2:** איך זע נישט אז ס'איז א פראבלעם.

ס'איז דא אונטן מענטשן וואס טענה'ן אז מען קען זאגן על הארץ ועל פירותיה ועל המחיה. איך פארשטיי נישט פארוואס דו זאגסט אזוי, איך מיין איך האלט אז ס'איז פונקט פארקערט. ווייל פירותיה קען מען נאר נוצן ווען ס'איז סמוך לארץ.

**Speaker 2:** דאן נאך אים.

דא אונטן איז איינער וואס זאגט אז מען זאל זאגן על מחייתה, אבער ס'זעט נישט אויס. לכאורה מחיה איז נישט עפעס א זאך וואס קומט פון די ארץ. מחיה איז די זאטקייט. פירותיה מאכט סענס, דאס איז לכאורה די reason. אבער שוין.

**הלכה טז: בורא נפשות קען מען נישט צוזאמלייגן מיט מעין שלש**

נאך א הלכה, אז דאס איז אלעס ווען מיר האבן געגעסן די דריי דברים חשובים וואס האבן אלע די זעלבע ברכת מעין שלש. אבער וואס טוט זיך ווען מען עסט זאכן וואס די נאכברכה האט דער רמב"ם פריער געזאגט בורא נפשות? ער זאגט, דער רמב"ם, **"אכל בשר ושתה יין"**, ער האט געגעסן פלייש, וואס איז א שהכל און א בורא נפשות, און ער האט געטרינקען וויין, מאכט ער עקסטער די נאכברכה. ער מאכט על הגפן אויף די וויין, און על המחיה ועל הכלכלה מאכט ער א בורא נפשות אויף די פלייש. דו קענסט נישט צוזאמלייגן. ביי מעין שלש קען מען צוזאמלייגן דריי מעין שלש'ן אין איין זאך, אבער צוויי כלים, איך ווייס נישט פונקטליך וואס הייסט כלים. בורא נפשות קען מען נישט אריינלייגן אין די מעין שלש **אחת על כל הנפשות הרבות**. איך מיין, וואס זאל איך דיר זאגן?

**דיסקוסיע: פארוואס קען מען נישט צוזאמלייגן בורא נפשות מיט מעין שלש?**

**Speaker 2:** ניין, דער פשוטער בשר האט נישט באקומען אן אפגערעד און ער איז געבליבן מיט זיין ברכה. ס'האט זיך נישט געטוישט ווייל דו האסט אים געגעסן לעבן נעבן וויין.

איך פארשטיי, דו פארשטייסט אז ס'איז אבער וואס איז פאני, א מענטש האט זיך געזעצט, מען האט אים דאס צוזאמגעשטעלט, ווייל מ'האט נישט געוואלט אז א מענטש זאל זאגן עקסטערע ברכות און דאס. זאג אמאל, פארוואס קען מען נישט מאכן אויף תמרים און אויף יין צוויי מאל על הגפן און נאכדעם על הפירות? פארוואס איז דא א איין זאך וואס די עס מאכט אז איין זאך זאגט עס צוויי זאכן?

איך פארשטיי פארוואס חז"ל האבן נישט למשל געזאגט אז מ'זאל אויף יעדע שטיקל ברויט זאל מען בענטשן, ווייל בענטשן דויערט א מינוט. ברכת מעין שלוש דויערט אויך, מ'קען נישט מאכן א מענטש איבערזאגן ברכת מעין שלוש עקסטערע צוויי מאל. א בורא נפשות איז א קורצע ברכה, סאו די פלייש האלט זיך מיט זיין ברכה. מ'קען נישט מאכן א מענטש, די חז"ל האבן משער געווען וויפיל זיי גייען מאכן א מענטש זיך מטריח זיין מיט לאנגע ברכות. אבער די פלייש האלט זיך מיט זיין בורא נפשות, ער האלט זיך מיט זיין בורא נפשות, יעדער איז זייער העפי.

**פירות שאינם משבעת המינים ווערן אריינגעצויגן אין מעין שלש**

**Speaker 2:** אבער אויך על תאנים ועל ענבים, תפוחים ואגסים וכיוצא בהם.

שא, שא, וואו איז עס בכלל?

**Speaker 2:** זייער גוט. אבל למאכל בשר, וואס זיי האבן געהאט.

**אויך על תאנים ועל ענבים, תפוחים ואגסים**, מ'האט געגעסן פארשידענע פרוכטן. אבער אפילו זאכן וואס זענען נישט שבעת המינים, וואס איינס איז דארט ברכת מעין שלוש. רייט? דעמאלטס, פאר די תאנים און ענבים דארף ער מאכן א על העץ, און פאר די תפוחים און אגסים וואלט ער לכאורה געמאכט א בורא נפשות. רייט? מאכט ער אבער נאר **ברכה אחת מעין שלוש, ווי כולל הכל**. און ער זאגט די ווארט **"על פרי העץ"**, האט ער דאך למעשה געמענשנט פרוכט, האט ער יוצא געווען אנדערע פרוכט. **מה שאין כן** ווען מ'מאכט א על העץ, א על הגפן, מענשנט מען גארנישט קיין בשר, מ'מענשנט נישט קיין ד' אוצר. איז אינטערעסאנט. קען זיין די ווארט איז אז שהכל איז א ברכה אויף די רובי מאכלים, און דאס ווערט נישט געמענשנט.

**[חידוש:] פארוואס ווערקט דאס ביי פירות אבער נישט ביי בשר?**

דאס איז די ענטפער צו וואס אונז האבן געלערנט ווענן "יאכל בשר וישתה יין", אז ס'איז דא אן עקסטערע ברכה אויף די רובי זאכן. אזוי ווי דער רבנו יונה האט געזאגט, לויט דעם איז עס א שיינע ווארט. אויף די רובי מאכלים וואס זענען נישט פון די מעין וויכטיגסטע עסן. דער אייבערשטער האט געמאכט צוויי זאכן, אז די ערד זאל ארויסגעבן פרוכטן און די אלע זאכן, און אויף דעם קען מען לעבן. נאר מ'עסט עס אזוי ווי אן עפל. אזוי ווי תוספות האט געזאגט פון תוספות. תוספות זאגט אז אן עפל דארף מען נישט האבן צום לעבן, אן עפל איז געמאכט געווארן פאר הנאה.

סאו בורא נפשות איז אן עקסטערע ברכה אויף די מותרות, אויף בשר. ווען ער מאכט על הגפן אויף יין, האט ער נישט גארנישט געזאגט אויף די בשר. וועגן דעם, **מה שאני** גאט א פריוולעגיע, ווען ער זאגט על העץ ועל פרי העץ, ס'האט טאקע א חשיבות, ער מאכט טאקע א לענגערע ברכה וועגן די תאנה וזית ורימון, אבער ער רעדט וועגן על הפירות. **מה שאין כן** ווען ער מאכט על הגפן, האט ער נישט געמענשנט גארנישט פון די בשר, ווייל ס'שטייט גארנישט וועגן די עקסטערע עסן, וועגן די...

ס'איז א פשט, ס'איז א גוטע פשט, ס'איז א מיחוך, ס'איז א גוטע פשט, אז דאס מאכט סענס פון די הלכה. איינער, עס האט שוין געענדיגט די פרק.

Generated by Shiur Upload Automation